הײנט 10 זײטען.

Radomer-Kielcer Leben
50 (240) V־טער יאָהרגאַנג.
Radom ראַדאָם פרײטאָג
28 grudnia 1928. ט״ז טבת תרפ״ט.
פרײַז 25 גראָשען.

Redakcja i Admistracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען פרײַזן
איין מילימעטער שורה: פאַר׳ן טעקסט 20 גר.
" " " " אין " 40 "
" " " " נאָכ׳ן " 18 "
די ערשטע און לעצטע זײט ענטהאַלטען 8 שפאַלטען
אין טעקסט 4


# פּראָװינץ־קעלצער לעבען

לרגלי ארושי מר מרדכי רוזנצװיג את מרת פרניה װינטרוב אני מברך בברכת מז״ט את הוריהם יעקב דוד װינטרוב ורעיתו ואת ברוך רוזנצװיג ורעיתו ומאחל את המאורשים עתיד מזהיר.

ק. בינגרט.

צו דער פאַרלאָבונג פון אונזער ליבען זוהן דוד מיט פרל׳ בעלא פרידמאַן װעלכע איז פאָרגעקומען אין מאָנטאג דעם 23,12 װינשען מיר פיל גליק און צופרידענהײט.

רחל און יעקב קײלער.

א הערצליכען מזל־טוב װינשען מיר אונזער ליבע טאָכטער בײלטשי מיט ה׳ דוד קײלער זאָל זײער נײער לעבענס־װעג זײן באַצירט מיט בלומען, פערשאַפענדיג פיל נחת פאַר די עלטערן און דעם יונגען פאָרל װינשען מיר א גליקליכע צוקונפט.

עלטערן

מרדכי און שײנדל פרידמאַן מיט קינדער

די גאַנצע ראַדאָמער יודישע געזעלשאַפט פאַרזאַמעלט זיך דעם הײנטיגען שבת צו נאַכט דעם 29 ה. ח.
אויף דעם ערשטען
גרויסען אימפּראָזאַנטען
# מאַסקען־באַל
אײנגעאָרדנעט דורך יודישען טורן און ספּאָרט־געזעלשאַפט „בר כוכבא״ אין ראַדאָם אין די זאַהלען פון טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי״.
פערװײלונגען, טענץ און פיל סורפריזען.

8 kl. Humanist. Koedukacyjne
GIMNAZJUM T. R. O. (T-wo Rozp. Oświaty)
WILNO, ul. Piłsudskiego 18, tel. 898
מיט רעכט פון רעגירונג־גימנאַזיעס.

צום צװײטען האַלבען לערן־יאָהר װערן אָנגענומען שילער—ינס
אין אַלע קלאַסען (1—7) אויף די פרײע װאַקאַנסיעס.
די אײנטריטס־עקזאַמענס קומען פאָר פון 25 יאַנואַר ביז׳ן 10 פעברואַר
[illegible]

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דעם פערװאַלטונג׳ס פרעזעס
ה׳ ישראל יעקב דיאַמאַנט
צוליעבן פריהצײטיגען טויט פון זײן שװעסטער
נחמה פערל נ״ע
פערװאַלטונג און ראַט
פון דער „גמילות חסד־קאַסע״
בײ דער יודישער קהלה
אין ראַדאָם.


פערטרעטער
און פאַבריק לאַגער:
Generalne
Przedstawicielstwo
na woj. Kieleckie
i skład Fabryczny
J. ZYLBER
Radom Długa 5




AMA-DA

פײנסטע פלאַנצען־פוטער
כשר שרון, פרימא, אגה,
אַמאַראַ־מנורה־כשר
היגיעניש · נאַרהאַפטיג
בעשאַנקען
מיט 6 גאָלד־מעדאַלען

# אויס יום-טוב — צוריק די וואָכעדיגקייט.

## (א פּאָר ערנסטע ווערטער וועגען דער קרן-קימת-אַקציע אין ראַדאָם)

אין דער גראָהער וואָכעדיגקייט, אין דעם איינטאָניגען, מאָנאָטאָנעם און פאַרבענקלאָזען לעבען פון אונזער ראַדאָמער געזעלשאַפטליכקייט איז אַריינגעטרעטען א אויפלעבונג, א אויפמונטערונג. בערך אַ וואָך-צייט האָט איבער אונזער היימישע, יודישע גאַס געהערשט א יום-טוב'דיגע שטימונג. די עצבות הבשות פון די, וואָס יאוש און רעזיגנאַציע פילט אויס זייערע הערצער האָבען אויפגעטרייסעלט. דער כמעט שוין באַלד-פערלאָשענער פינק פון גלויבען און בטחון אויף פאָלק'ס-ערלעזונג, האָט ווידער-אַמאָהל אויפגעשטראַהלט. אפילו די, וואָס שטעהען מיט ביידע פיס אין דער טיף-פערצווייגטער פאָלקס-בעוועגונג און האַלטען פון זיך זעהר שטאַרק און יחוס'ען זיך דערמיט וואָס זיי שטעהען נאָהנט צום היסטאָרישען שפּינדעל-ראָד, וואָס עס וועבט זיך מיט גאָלדענע תכלת פעדים די הערליכע פאָהן פון דער יודישער נאַציאָנאַלער היים.—אפילו די, וואָס בענוגענען זיך בלויז מיט זייערע גענעראַלער-אוניפאָרמען און האַלטען, אַז זייער טיטול-יחוס איז איבער-בענוג, נישט טהוענדיג כמעט שוין גאָרנישט, אַז דאָס דאָזיגע היסטאָרישע ראָד זאָל זיך בעוועגען מיט א וואָס שנעלערען טעמפּאָ—זאָגאַר די האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון זייער דרימעל און, דערזעהענדיג אַרום זיך א הוילען און ליידיגען חלל האָבען זיי אויפגעציטערט און גלייכצייטיג שטאַרק זיך פערשעמט.

קיין ראַדאָם איז פאַריגע וואָך געקומען דער תובע, וואָס מאָהנט, קלאַפּט און וועקט די זוהן און טעכטער פון יודישען פאָלק אויסצולייזען דעם באָדען פון דער יודישער היים. וועלכע וואַרט שוין איבער צוויי טויזענד יאָהר צוריק איבערצוגעהן אין די הענד פון אוראַלטען ישראל סבא.

דאָס מאָהל איז אַלס תובע, וואָס מאָהנט דיס דאָזיגען היסטאָרישען חוב, אויפ'ן ראַדאָמער הוריזאָנט ערשיענען די ארץ-ישראל דעלעגאַציע אין די פּערזאָנען פון הרב קוק און דעם גייסטרייכען דיכטער נתן ביסטריצקי.

די דאָזיגע צוויי חשוב'ע של חים האָבען געשפּאָלטען די נידערגעשלאָגענקייט, די אַפּאַטיע, די איין-קאַלטע פערגליווערטקייט פון די ראַדאָמער יודען און זיי אנגעפילט מיט א נייעם רוח חיים. זיי האָבען דערמאָנט און אויפגערודערט דעם היגען יודישען קיבוץ אַריינפלאַנצענדיג אין איהם בוטה, גלויבען אין ליכטיגע אָפּטימיסטישע שפּאַנונגען פאַר זיין צוקונפט פון דער יודישער היים און איהר אויפלייזונג.

אין ראַדאָם איז א יום-טוב געווען.

די פערהאָרעוועטע, די פערזאָרגטע און די מיט שווערע טעגליכע דאגות בעלאַסטעטע האָבען פּלוצלינג דערפיהלט פאַר זייערע טריבע, פּרהשחורה'דיגע אויגען א גרויס שטאַרק ליכט, שבת יום טוב'דיגקייט האָט זייערע דערשלאָגענע וועזענס אַרומגענומען, יענער שבת-יום טוב'דיגער איבעלך, וואָס פערשפּרייט האָט אויף מאָמענטענווייז די שווערע דריקענדע און גראָהע-וואָכעדיגע ווירקליכקייט.

שבת יום-טוב'דיגע זענען געווען די ראַדאָמער יודען אַלע טעג פון דער גאַנצער פאַריגער וואָך. די נביאה'שע שטימען פון די ארץ-ישראל-של חים האָבען כסדר געדונערט און אומאויפהערליך גערופען: יודען, ערוואַכט פון אייער חונה-מעגל-שלאָף, העלפט בויען דאָס לאַנד פון אונזערע אבות, ארץ-ישראל וואַרט אויף אייך!—

אַלע ראַדאָמער יודען האָבען דעם הייליגען רוף דערהערט.

די אקאַדעמיע אין „דאָמאַיפאָשטשי" איז אויסגעפאַלען גראַנדיעז. דער קבלת פנים פאַר די שליחים פון ארץ-ישראל איז געווען גרויסאַרטיג. די רעפעראַטען פון דיכטער ביסטריצקי האָבען בעגייסטערט און געצויגען צו זיך וואָס אַמאָהל אַלץ גרעסערע מאַסען.

טאָג-נאָך-טאָג אין אַן אַנדערער פערזאַמלונג פאַרגעקומען. דיכטער ביסטריצקי האָט ווי א שטורם-ווינד געפּלאַטערט: דאָ אין סוחרים-פעראיין, אין סורוויט, קאַרסאָ, אין די יודישע גימנאַזיע „פּיאַטשאַל וויעדזי", אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין דער קהלה, אין האַנדווערקער קלוב, און וואו איז ער נישט געווען? אומעטום געדונערט, געוועקט, געשטורעמט, בערופען, געבעטען און געמאָהנט און מאַסען מענשען האָבען צו איהם געשטרומט.

אַלץ איז בעלאַגערט געווען, זעהן און אַלץ איז געווען מיט איהם, פאַר איהם און אַרום איהם.

דיכטער ביסטריצקי האָט געבראַכט אין מויל די בשורה פון אונזערע אַלטע נביאים, וועלכע האָבען נישט אויסגעהערט צוטרומען, און צו בעזינגען דאָס וואונדערבאַרע יודען-לאַנד, פון יענער זייט ירדן, און תמיד געמאָהלען פערספּעקטיווע בילדער וועגען דער גרויסער אַלמענשליכער צוקונפט פון דאָזיגען וואונדערבאַרען לאַנד און פון איהר גיגאַנטישער קולטור, וואָס איז פיעל מיט חסד, יושר און צדק.

ווי א געטרייער און איבערגעגעבענער זוהן פון יודישען פאָלק, ווי א קינד פון אונזער נביאים-פאָלק האָט דיכטער ביסטריצקי מיט מסירות נפש און ביז ממש'דיגער עלית נשמה זיין הייליגער שליחות ערפילט. ער האָט דאָס זייניגע עהרליך און מיט גרויס כונה אָבגעטוהן. און איז אוועק פון אונז, אין אַנדערע יודישע ישובים. איבער אַנדערע שטעדט און שטעדטלעך.

דער שבת-קודש איז אוועק. די רעפעראַטען האָבען אויפגעהערט. די גייסטרייכע רעדעס זענען אנטשוויגען געוואָרען און די באַנקעטען האָבען זיך געענדיגט.

צוריק זענען מיר אריין אין די טעג פון וואָכעדיגקייט, פון חול און פון גראָהער טעגליכער פערהאָרעוועטקייט.

דער פלאַקער פייער פון גרויסען דיכטער ביסטריצקי האָט צעוואַרעמט הערצער, אָנגעצינדען נשמות, האָט אין אונזער שטאָדט איבערגעלאָזט גאָלדענע פייער-פינקען. ער איז אָבער פערשווינדען פון אונז. און כדי די דאָזיגע העלע קרישטאָל-ריינע פלאַמעלעך זאָלען נישט אויסגעהן און זיך נישט פערלעשען — דערצו איז נויטיג א ברייטע און מעכטיגע אַקציע, וועלכע זאָל פאָרזעצען די אנגעהויבענע אַרבייט פאַר'ן קרן קימת מיט א פאַרצעהנפאַכיגער איניציאַטיווע.

די הייליגקייט פון שבת, דער רייץ פון דער יום-טוב'דיגער שטימונג דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס דער גייסט דערהויבט זיך העכער, העכער און שעפּט אין זיך אריין חיות און יניקה פון גרויסע און הייליגע נשמה-ליכטיגקייטען, וועלכע גיבען כח אין דערפריש'ען אויף דאָס ווייטער אויפצוהאַלטען דעם שווערען און'רחמנות'דיגען דראַנג פון די האַרטע, אונבויגזאַמע, און ערדיש-טרוקענע וואָכעדיגע טעג. שבת דאָס איז די נשמה פון דער וואָכעדיגקייט. דער אויפהאַלטונגס-כח אינ'ם גרויסען געראַנגעל, אין דעם

שפּאַרזאַמע
ווירטענס
בענוצען נור


פרישע
פלאַנצען-פּוטער
סינאַי

# „איצט שטארב איך רוהיג דעם מלאך המות"

## האט א ראדאמער ארימע יודישע פרוי ערקלערט נאכ'ן אבגעבען א גנבה פון פאר 30 יאהר.

צו א היגען סוחר איז די טעג אריינגעקומען א עלטערע פרוי און איהם געבעטען, אז ער זאל בײ איהר צונעמען 150 זל. וואס זי איז איהם שולדיג א חוב.

דער סוחר האט זיך אבער נישט געקאנט דערמאנען ווען ער זאל דער דאזיגער ארימער אידענע האבען געבארגט געלד, אדער סחורה. אין די ביכער בײ איהם איז א הר נאמען אויך נישט געווען פערשריבען און ער האט דעריבער נישט געקאנט פערשטעהן, וואס דא קומט פאר. אפשר א משוגענע? ווער גיעט דאס „היינטיגע צייטען" אב חובות וועלכע מען מאהנט גארנישט בײ איהם?

באלד אבער איז איהם קלאר געווארען, אז ער האט פאר זיך נישט קיין משוגענע נאר א מענש, וואס וויל האבען א ריינעם געוויסען און זיך בעפרייען פון א פלעק, וועלכען איהר נשמה קאן נישט פערטראגען.

די אידענע האט דערצעהלט פאלגענדעס:

מיט 30 יאהר צוריק בין איך געווען א דיענסט בײ אייער פאטער אין שטוב. איהר מיך דערקענט נישט, איך אייך אבער געדענק גוט. איהר זענט נאך דאן א קליין יונגעלע געווען. אין יענער צייט איז אין שטוב פערלוירען געווארען 50 רובעל. אייער פאטער האט דאס געלד ארומגעזוכט און נישט געקאנט געפינען. מען האט דעמאלט חושד געווען פערשידענע מענשען אין דער גנ׳בה. מיך אבער האט מען נישט חושד געווען, ווייל מ׳האט מיך געקענט פאר אנ׳עהרליכע. אין אמת׳ען אבער האב איך געהאט צוגע׳גנב׳עט די 50 רובעל. געווען אזא שלעכטע שעה. כ׳האב מיך געלאזט אנרעדען פון עפעס א בייזען געדאנק און האב דאס געלד צוגענומען דאס געוויסען האט מיך באלד גענומען פלאגען און פייניגען, כ׳האב קיין רוה נישט געפונען. עס איז אבער מיר קיינמאהל נישט געלונגען צונויפזאמלען א געהעריגע סומע און עס אבצוגעבען אייער פאטער. איך האב חתונה געהאט, דער דלות איז פון מיר נישט אוועקגעטרעטען. קיינמאהל קיין שטיקעל ברויט נישט געהאט. מיינע קינדער האבען געהונגערט. ס׳איז דעריבער נישט געווען וואס צו טראכטען וועגען דיין מאכען מיין געוויסען פון יענעם פערברעכען, הגם אין די אווענדען, אויפ׳ן געלעגער און ווען קיינער האט נישט געזעהן האב איך מיינע אויגען אויסגעווייגט פאר חרטה.

מיינע קינדער זענען אונטערגעוואקסען און אוועק קיין אמעריקא. כ׳האב פון זיי דערהאלטען 15 דאלאר. ס׳האט אלזא געשלאגען די שעה. אז איך זאל מיין נשמה ראטעווען. אייער פאטער לעבט שוין נישט. דעריבער זענט איהר דער יורש, בעט איך בײ אייך צוצונעמען בײ מיר 150 זל. פאר יענע 50 רובעל.

דער סוחר האט די פרוי בערוהיגט פערזיכערט איהר, אז די משפחה איז איהר זיכער מוחל. זי האט אלס דיענסט געארבייט זעהר שווער און געטריי, מיט יעדען מענשען קאן זיך מאכען א מכשול און דעריבער דארף די פרוי האלטען פאר זיך די 150 זל. און זיך דערמיט איינארדנען אויף ווינטער מיט א ביסעל האלץ און ווארימע שיך. אדער פערטיילען עס אליין צווישען ארימע.

די פרוי האט פון קיין זאך נישט געוואלט הערען און ערקלערט, אז זי וועט נישט ארויסטרעטען פון שטוב ביז דער סוחר וועט בײ איהר נישט צונעמען די 150 זל. און איהר פערזיכערען, אז ער וועט דאס געלד צוטיילען אין גלייכע חלקים צווישען אלע יורשים, כדי זי זאל וויסען זיך זיכער אז זי האט געדעקט דעם שאדען יושר׳דיג.

דער סוחר האט בײ איהר צוגענומען 150 זל. און פערזיכערט, אז ער וועט דאס געלד אבגעבען די יורשים.

די פרוי איז אוועק א גליקליכע און ערקלערט. אז איצט קאן זי שוין רוהיג און פריי בעגעגנען דעם מלאך המות.





דאס בעסטע שפייזעפעטס
צום
בראטען, פרעגלען און באקען
איז „פאטאקאל"

די בעסטע
פלאנצען-פוטער
„פאטאקאנא"

דאס בעסטע
שפייז-אייל
„פאטאק"

אלץ אונטער דער שטרענגער השגחה
פון דעם בענדינער ראבינאט.





# וואס הערט זיך אין ראדאם.

## נאר א דאקטאר האט זיך איהם פטור וואלט

## איז דוקא מיט צוויי ווייבער צו

### פאר זיינע אפעטיטען האט מען איהם געהייסען מוחל זיין אין חד-גדיא, נישט מעהר ווי אויף אנדערהאלבען יאהר.

אין ראדאמער קרייז-געריכט איז די טעג בעטראכט געווארען א אינטערעסאנטער פראצעס.

דער בעל-דבר, ארום וועלכען ס׳האבען זיך געפיהרט די געריכט׳ס-פערהאנדלונגען איז געווען א געוויסער וויקטאר אלעקסאנדער מושינסקי, איהם האט דער בעשולדיגונ׳ס-אקט פארגעווארפען, אז ער פראקטיצירט אלס דאקטאר אויף א נישט געזעצליכען און נישט-ערלויבטען אופן. דערצו איז זיין בעשולדיגונג בעשווערט געווארען, וואס ער האט געהייראט צוויי מאהל און איז אזוי נאך אין דער זעלבער צייט געווען א מאן פון צוויי פרויען.

ווי אזוי דער דאזיגער „העלדישער" הברה-מאן האט זיך אזוי לייכט דערשלאגען צו אזא קאריערע, נישט אויסשטעהענדיג קיין חבלי לידה, וואס אנדערע סטודענטען און נאך דערצו בײ-וויזען צו שליסען צוויי שידוכים—וועגען דעם איז פערהאן א גאנצע געשיכטע, וועלכע מיר געבען טאקי דא איבער.

מושינסקי איז קיין ראדאם געקומען נאך אין יאהר 1922, ווזו ער האט זיך בעקענט מיט א היגע קריסטליכע פריילין א געוויסע וו. ב. ער האט זיך פאר זיין סימפאטיע, ווי אויך פאר איהר פאמיליע פארגעשטעלט אלס סטודענט אויף מעדיצין פון לעצטען קורס. די בעקאנטשאפט האט קוים געדויערט דריי מאנאטען און דאס פארל האט גענומען „שלוב". דאן האט מושינסקי, וועלכער האט אין דער ווירקליכקייט געמאכט קוים 6 גימנאזיאל-קלאסען, דערהאלטען פון איינעם א געוויסען מיל פון ווארשא א נאכגעארבייטען דאקטאר-דיפלאם.

האבענדיג דעם געפעלשטען דיפלאם איז דער „באן דאקטאר" אויפגעפאהרען

נע ערשאהרוגען האבען דיר געעפענט די אויגען. טאקי דערפאר, וואס האסט זיך שוין אנגעזעטיגט פון לעבענס-גענוס, שטרעבסטו צו א רוהיג, אנשטענדיג און ערענטליך לעבען. דו האסט חרטה אויף דיין פערגאנגענהייט. איך מיין, און טאקי דאס גיט מיר די גאראנטיע, אז דו וועסט זיין א געטרייע און עהרליכע פרוי. דאנעגען מיין בעוואוסטע פרוי איז שוין א פערפאלענע. זי האט זייענדיג א פרוי און א מוטער אנגעהויבען פון דעם, וואס דו האסט אנגעהויבען מיידעלוויין און וועלכע איז שוין פערפאלען. צו איהר איז שוין קיין רפואה נישטא. איבריגענס, האב איך אינגאנצען צו איהר מיין הארץ פערלוירען. איך האס זי, איך האב זי פיינד. רו, נור דו, האסט בײ מיר פערנומען איהר פלאץ און דיך בעגעהר איך מיט מיין גאנצע נשמה.

די דאזיגע ראמאנטישע רייד זענען פלוצלינג געשטערט געווארען. צום טישעל זענען אומגעריכט צוגעקומען דער ה׳ ב. מיט סאליע. זיי זענען געקומען פון א צווייטען קאבארעט און מ׳האט זיך אויף ס׳נײ גענומען חיילען צוזאמען אין איין געזעלשאפט.

(פארזעצונג קומט)

# קעלצער אבטיילונג

## הונדערטער יודישע קינדער לויפען

### וויטער ארום נאך רעליגיאנס-צייגנישען און קיין יודישער לעהרער זענען נאך אלץ נישט אנגאזשירט געווארען.

### פאר וואס שווייגען די יודישע ראטמענער?

ווי מיר האבען שוין זיינער צייט מודיע געווען אין אונזער צייטונג, האבען קרוב 800 אידישע קינדער פון די מלוכה'שע פאלקס-שולען אין קעלץ יעדעס יאהר אויסצושטעהען גרויסע שוועריגקייטען ביים ארויסבעקומען די האלב, אדער גאנץ-יעהריגע שול-צייגנישען צוליב דעם וואס עס פעהלט זיי די איינציגע נאטע פון די רעליגיעזע לימודים און יעדעס מאהל זענען די קינדער געצוואונגען אנצוקומען צו דער קהלה, אדער צום רב, וועלכער קען, צוליב פערשיעדענע פעדאגאגישע טעמים און פשוט צוליב מאנגעל אין צייט – אזעלכע נאטעס נישט שטעלען, און אויב מען שטעלט עט יא, איז עס דערפאר, ווייל קיין אנדערער אויסוועג איז נישט דא.

א דאנק אונזער אינטערווענץ, איז די פראגע פון אנגאזשירען אידישע רעליגיאנס-לעהרער אין די פאלקס-שולען ווי אויך די פראגע פון עפענען דורכן מאגיסטראט סעפעראטע פאלקס-שולען פאר די אידישע קינדער, זיינער צייט בעריהרט געווארען דורך די אידישע ראטמענער אויפן פלענום פון שטאדט-ראט און אויסער דעם וואס דער דאזיגער פארשלאג איז מיט א מערהייט שטימען אנגענומען געווארען, האט דער פרעזעס פון שטאדט-ראט ערקלערט אין נאמען, פון שול-אינספעקטאר, אז אויפן נייעם שול יאהר 1928/29 ווערען אויף בעשטימט אנגאזשירט ווערען 2 אידישע רעליגיעזע לעהרער, אויך די אידישע קהלה האט בעקומען אנ'ענטפער פון שול אינספעקטאר, צו וועלכען זי האט זיך ווענען דעם ענין געווענדעט, אז 2 אידישע לעהרער וועט ווערען אנגאזשירט. ער האט זאגאר געבעטען, אז די קהלה זאל איהם צושטעלען 2 פאסענדע קאנדידאטען צוזאמען מיט געהעריגע קוואליפיקאציעס, וועלכע די קהלה האט באלד געטוהען.

אבער די הבטחה פון שול אינספעקטאר, איז ליידער נישט מקוים געווארען. נאך איצט, מוזען הונדערטער אידישע קינדער ווייטער אנקומען נאך רעליגיאנס-נאטעס צום רב, אדער צו דער קהלה און קיין אידישע לעהרער האט מען נאך אלץ נישט געפונען פאר נויטיג צו אנגאזשירען.

וואו זענען די אידישע ראטמענער? פאר וואס פערנעמען זיי זיך מיט קלייניגקייטען און פערגעסען אין די קארדינאלסטע אידישע פראגען?

וואו איז דער אידישער פארשטעהער פון שול-ראט?

עס ווילט זיך גלויבען, אז דער דאזיגער ענין וועט באלד גינסטיג לטובת זיי געלעזט ווערען.

---

בגדא-טבא אנו מברכים את מר **שלמה קופפערמינץ** פרנס קהלתנו

לרגלי ארושי **בנו** מר **דניאל**

יזכה לראות מהם רוב נחת ובנין עדי עד.

**שלטון ומועצת הקהלה היהודית**

בקילצי.

---

א ברכת מזל-טוב וואונש איך דעם קהלה-פרנס

**ה' שלמה קופפערמינץ** צוליב די פערלאבונג פון זיין זוהן **דניאל**

**ברך סאקאלאווסקי**

קיעלץ.

---

בגדא ומזלא-טבא אני מברך את ידידי

מר **שלמה קופפערמינץ** לרגלי אירושי **בנו דניאל**

תהי קשרם קשר של קימא ובנין עדי עד.

**זאב קלוסקא**

יו"ר שלטון הקהלה היהודית בקילצי.

---

בברכת מזל-טוב אני מברך את מר

**שלמה קופפערמינץ** פרנת קהלתנו לרגלי אירושי **בנו** מר **דניאל**

יזכה לראות מהם רוב נחת.

**ח. זילוני** קילץ.

---

בברכת מז"ט חמה ולבבית הננו מברכים את ידידי וש"ב **שלמה קופפערמינץ**

לרגלי אירושי בנו **דניאל** עם העלמה **מלכה גאלדסאבעל**

**חיים שלום ליכטענשטיין**

ומשפחתו קילץ.

---


**אכטונג סוחרים!**

געלעגענהייטליך צו פערקויפען א לאקאמאביל, 32 פערד קראפט פון פירמע „גיטלער". דער לאקאמאביל איז אין פולען בעטריעב. צו ווענדען זיך:

**SZ. ROZENBLUM**

Kielce, Sienkiewicza 63


## קעלצער בריוו-קאסטען.

ה' נ. א.

דער יעצטיגער קאמיטעט פון ק.ק.ל. אין קעלץ איז געוועהלט געווארען מיט איניגע יאהר צוריק בעת דער א"י דעלעגאט ה' האזרחי האט געוויילט אין קעלץ, ער בעשטעהט פון פריוואטע פערזאנען און פון איניגע פארשטעהער נאציאנאלע יוגענד-ארגאניזאציעס, די זאמלונגען וועלכע דער קאמיטעט האט איידערגעפיהרט זענען נישט קיין גרויסע. און געוויס האט איהר רעכט ווען איהר וואונדערט זיך פארוואס די איניגע נאציאנאלע עסקנים פעראינטרעסירען זיך לגמרי נישט מיט די ענינים פון קרן-קימת-לישראל, זייער מיטהילף וואלט זיכער, אויך לויט אונזער מיינונג געברענגט גרויסע פערדיענסטען פאר דעם נאציאנאל-פאנד, דער פארוואורף איז נאך מעהר בערעכטיגט אין דער צייט וואס דער ק. ק. ל. קאמיטעט איז אין יעצטיגען מאמענט די איינציגע נאציאנאלע ארגאניזאציע ביי אונז אין שטאדט, וועלכע איז „טעטיג" אין פולען זין פוןווארט.

ה' י. ז.

דער פאקט, אז דער אויפזיכט'ס ראט פון א געוויסע היגע יודישע נאציאנאלע שולע האט אויף איינער פון איהרע לעצטע זיצונגען ערקלערט, אז דאס דירעקטאריום פון דער שולע ברויכט, אז די שילער זאלען נישט זיין קיין מיטגלידער פון א געוויסער נאציאנאלע ארגאניזאציע, איז זעהר פעדרייסליך שוין צוליב דעם מאטיוו וועלכען דער אויפזיכט'ס-ראט גיעט אן אז די ארגאניזאציע ערציהט אנטי-מלוכה'שע עלעמענטען(?).

דער מאטיוו קלינגט ווירקליך זעהר קאמיש אין דער צייט ווען מיר קענען זעהר גוט דעם פראגראם פון די ארגאניזאציע און וויסען צו וואס א ציעל זי שטרעבט.

מיר גלויבען זיכער, אז דער אויפזיכט'ס-ראט איז אריינגעפיהרט געווארען אין א טעות, וועלכען מיר פערהאפען זי וועט אין די נאהנטסטע טעג פערבעסערען.

ה' ג. ל.

וועגען די אינעדליכע רייבונגען אין יודישען „קאלא" האבען שוין פיעל געשריבען די ווארשאווער טעגליכע צייטונגען, און מיר האלטען פאר אונויטיג נאכאמאהל דעם ענין צו בעריהרען, געוויס וועט דער פרעזעס פון „קאלא" דעפוטאט י. גרינבוים, וועלכער וועט וויילען אין די נאהנטסטע טעג אין קעלץ דעם ענין בעלויכטען.

ה' ה. ב.

זייט נישט אזוי בעאיינפלוסט פון די גרויסע שילד וועלכע דער יודישער סוחרים-פעראיין האט ארויסגעהאנגען איבער איהר לאקאל, ביז היינט האבען מיר נאך קיין שום פאזיטיווע פון די ארבייט פון סוחרים-פעראיין נישט געזעהען, עס וואלט געווינשען, געווען אז די לייטונג פון פעראיין זאלען איבערנעמען מעהר טיכטיגע פערזאנען וועלכע זענען פעראינטערעסירט אין גורל פון יודישען סוחר.

*Kino „ODEON" Teatr*

Od dn. 28 grudnia r. b.

Jedno z najpiękniejszych kart matryologji orłów Napoleońskich

**Pod Orłami NAPOLEONA**

**W rolach głównych:**

Rod La Rocoue — Julja Fate

Filips Havar.

*Kino „CORSO" Teatr*

Od dn. 27 grudnia r. b.

**Wielka premjera**

dotąd niewidziana w Radomiu

**Jedynaczka w Pułku**

Nadprogram: **Wspaniała komedja** w 2 akt.

**Anons:** Jawnogrzesznicza

W roli głównej: **Iwan Petrowicz.**

*Kino „Nowe Czary" Teatr*

פון היינט אן ווערט דעמאנסטרירט

דאס בילד וואס שילדערט אונז די צוגעבינדענקייט

פון א מענצערין צו א מאטראז

אין אפריקאנער פארט א. ג.

**Marynarze i Blondynki**

אין הויפט ראל **George O'brien**

אין **Lair Moran**

איבעריגן פראגראם:

Zagadka srebrnego dolara.

---

Zarząd Pow. Kasy Chorych w Radomiu zawiadamia, że dnia 29 grudnia r. b. o godz. 8-mej wieczorem

**w Sali Posiedzeń w Magistracie**

odbędzie się posiedzenie nowoobranej Rady Kasy Chorych.

Na porządku dziennym sprawa ukonstytuowania się Rady, Wybory Zarządu, Komisji Rewizyjnej i Komisji Rozjemczej.

---

Powszechny Bank Spółdzielczy

**w RADOMIU, ul. Lubelska 27.**

מאכט עפנטליכט בעקאנט, אז זי נעמט אן אויף אינקאסא וועקסלען

אויף קיעלץ, שידלאוויעץ, סאזעניץ, זוואלין, דרילטש און פשיטיק

**צו 1 זל. פאר א שטיק.**

---

די פערוואלטונג פון ראדאמער יתומים־הויז

ארדנט איין דעם 1|19 1929 אין זאהל פון „ראזמאיטאשטשי"

**א גראנדיעזען**

**מאסקען־באל**

בעמערקונג: די הכנסה פון מאסקען־באל וועט זיין צו פער־שטארקען די קאסע פון ראדאמער יתומים־הויז.

---

**ווייכטיג נייעס**

**פאר צוקער־ליידענדע** (ראבע־טיקער)

עס ווערט עמפפעהלט דיאבעטיק־ברויט. (קלעבער־ברויט), דיאבעטיק־געבעקס, „Diapain", סוכארקעס, הערבאטניקעס, בישקאפטען, וואפלעס, מאנדעל־קיכלעך, שאקאלאד, קאקאו, ערפרישונג'ס־ציקערלעך, מיענטאהע און צוקער־לעך פאר הוסט־פערלייכטערונג, מארמעלאדע, קאנפיטור, דיאבעטיק־מעהל, לאקשען, קאשקע א. ד. ג.

**בעמערקונג** — **בעמערקונג**

פאר מאגען־ליידענדע איז צו בעקומען קארלסבאדער סוכארקעס (**Sprudel**) געבאקען אויף קארלסבאדער שפרודעל־וואסער. לויט דעם יעצטיגען מעדי־ציניש[ען] בעשלוס איז דאס בעסטע קוראציע־געבעקס (אנשטאט ברויט). פאר מאגען־ליידענדע און דיאבעטיקער, גאל־שטיינער־ליידענדע, פעטלייביגע. די סוכארקעס ווערען רעקאמענדירט פון די וועלט־דאקטוירים, די סו־כארקעס קאנען ווערען געניצט נישט נאר צו קאווע, טהיי א. ד. גל. נאר א דאנק דעם נאטירליכען געשמאק צו אלע פאטראוועס.

מיין געוועלב איז אויך פערזעהן א גאנץ יאהר מיט א גרויסען אויסוואהל פון געוועהנליכע מצות, מצה־מעהל, אייער־מצות. שטענדיג פריש און גוט פון די בעוויסטע אויטאמאטישע ווארשאווער בעקעריי מ. בליימאן עט זאהן.

— דאס אלעס עמפפעהלט —

**א. האן, ראדאם**

לובלינער 3 פרענט.

---

**OGŁOSZENIE.**

Podaje się do publicznej wiadomości, że z dniem 1-ym stycznia 1929 roku otwarte zostaje **w RADOMIU przy ulicy Lubelskiej Nr. 27.**

**Biuro Próśb**

p. f. EXPRESS

Biuro załatwiać będzie wszelkiego rodzaju podania i odwołania do wszystkich władz państwowych i komunalnych, korespendencję handlową krajową i zagraniczną, tłomaczenia z języków obcych, sporządzanie bilansów, budżetów, umowy i kontrakty a także przepisywanie na maszynie

**Przy biurze, które prowadzone będzie pod kierownictwem sił rutynowanych i fachowych, otwarty będzie dział zleceń i informacji handl.**

**Ceny możliwie przystępne.**

---

**א גוזיכערט לעבען**

Kursy samochodowe

**H. PRYLIŃSKIEGO**

Warszawa, Aleje Jerozolimskie 27

לערן אויטאס מיט דאפעלטער פירונג

**וועלט־פאטענט.**

פערלייכטערט און איילט צו די לערע.

זיכער און גרונטיגער אויסלערנען.

**אפיעקט** און **דירה** פאר פרעמדע

פראפעסיאנעלע און דזשענטעלמען פאהרערס.

א פאהר־ערלויבניש ווערט גאראנטירט.

א ספעציעלער קורס פון מאטאציקלען.

---

Z powodu przedwczesnego zgonu

b. p.

**PAULINY DIAMENT**

wyrazy szczerego współczucia i ubólewania RODZINIE

składa

*Zylberberg Chaim*

---

צו דער חתונה פון אונזער קוזין

הערש בראמבערג מיט פויל'

פריידאלי כ״ץ ווינשען פיל

גליק און אייביגע צופרידענהייט.

געב, משה און שמואל

האכמאן.

---

כ'זוך 1—2 צימערן אויף א האנדעלס־אונטערנעמונג פאר אבטרעט־געלד,

צוועגן: חודש'ליכען אבצאהל.

אפערטען אין רעד. פאר ר. ב.

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska 20.